# דער בעל חפץ חיים שליט"א

## וועגעז אגודת „שלומי אמוני ישראל" *)

איהר ווילט הערען מיין מיינונג וועגען אייער אגודה? — הויבט אן דער בעל חפץ חיים שליט"א — ביי מיר איז עס ווי די גמרא זאגט: חסרון לא יוכל להמנות? כל שנמנו חבריו לדבר מצוה ולא נמנה עמהם! דאס זעלבע איז אויך, ווען יודען חרדים, נעהמען זיך צוזאמען בכדי צו טראכטען וועגען הרמת קרן התורה און כבוד שמים, צי קאן דען זיין א פראגע פאר א עהרליכען יוד וועגען שטעהן פון דערווייטענס? דאכט זיך, אז ניין!

עס איז איבערהויפט יעצט זעהר שלעכט מיט שמירת שבת. דאס צווינגען צו רוהען אין זונטאג, ברענגט א סך מענשען צו חילול שבת. די אגודה מוז דעריבער זארגען, בכדי ווי ווייט מעגליך צו פארלייכטערן אט די שווערע גזירה.

נאך א צווייטע גזירה: וואס מ'וויל איינפיהרען די צוואנג-שולען. ווי איך הער, איז זיך די אגודה משתדל, אז די תלמידים וואס לערנען אין די כלל-חדרים זאל מען פטר'ן פון דער צוואנג-שולע. מן הסתם וועט מען דאך פון יענער זייט עפעס פערלאנגען, מ'זאל אבגעבען עטליכע שעה אויף לימודי-חול. אבער דא מוז מען זעהר זהיר זיין, ביים צוזאמשטעלען דעם ענין, טאמער וועלען די לעהרער אויסנוצען די בעשטימטע שעה'ן בלויז אויף ארויסצוגעבען די לעקציעס, און וועלכע דער תלמיד וועט מוזען ארייגלערנען א גאנצען טאג די חומשים, דאן וועט עס דעם תלמוד אינגאנצען אוועקרייסען פון לערנען תורה.

ביי דער יעצטיגער צייט, ווען די מענשען האבען פערשידענע דעות, וועט דער אגודה גאנץ שווער אנקומען די ארבייט. ווייל איבערצומאכען יעדענ'ס דעה איז זעהר שווער. דאס קאן נאר געשעהן בדרך נס, ווי ס'איז געווען בעת קבלת התורה: וענו כל העם יחדו, — כאיש אחד בלב אחד. און דאס וועט אויך זיין לעתיד לבא.

דער עיקר דארף די אגודה ווירקען אויף איהרע חברים און אויף די איבריגע יודען, אז מ'זאל צוהיטען די שרשים די עיקרים פון יהדות.

די חז"ל רעכענען: הרוצה להיות צדיק, הרוצה להיות חסיד — דאס זענען אלץ העכערע מדרגות, צו וועלכע יעדער יוד דארף געוויס שטרעבען. דער מיטעלוועג פאר אלע איז אבער צו מאטערן זיך אין דער תורה, וועלכע איז צוגענגליך פאר אלעמען, פאר יעדען נאך זיין השגה.

די חברי האגודה דארפען נישט פערלירען דעם מוט, צוליעב דעם וואס דאס גאנצע פאלק הערט זיך נאך נישט איין אין די אמת'ע ווערטער פון דער תורה, ווי שטעהט דען: אז נדברו יראי ד' איש אל רעהו, עס שטעהט נישט איש אל העם, אז מ'דארף תיכף אנהויבען רעדען צום גאנצען פאלק, נאר איש אל רעהו, יעדער דארף רעדען צו זיין נאהנטען, צו זיין חבר, און איהם מעורר זיין, אז מ'דארף זיך צוזאמענעהמען, פעראייניגען אין איין אגודה, בכדי מחזק צו זיין דאס יהדות. און אויב מ'טהוט אזוי, זאגט ווייטער דער פסוק: ויקשב ד' וישמע, וועט השי"ת צו העלפען, אז אויך דאס גאנצע פאלק זאל זיך צו בויגען און הערען.

ויכתב בספר זכרון לפניו — די אגודה דארף דעריבער ארבייטען, אז מ'זאל בעדענקען אין דער תורה, און אינ'ם נותן התורה; מ'דארף היטען די שרשים און דערווייטערן זיך פון מינות. און בערהויפט דארף מען זהיר זיין פון די ספרים חיצונים און ספרי מינות וועלכע מאכען אין יוד א איבערקעהרעניש און פערדרעהען דעם גאנצען יודישען דעת.

די חרדים האבען היינט, אמת, א שווערע ארבייט, און גענוג שונאים אויך. אבער, צי האבען דען אפילו די נביאים געהאט א לייכטע ארבייט, כאטש זיי זענען געווען נביאים און מ'האט זיי געוויס בעדארפט פאלגען? אונזערע נביאים האבען געהאט אויסצושטעהן גענוג שנאה און רדיפות, און דאך האבען זיי שווער געארבייט, נישט אבגעשטאנען, דאס הייליגע געטהון.

אויב מיר האבען נישט קיין גרעסערע מענשען אין אונזער דור, איז דאס דער חוב פון די היינטיגע מענשען: צו היטען דעם כבוד שמים, אז ער זאל נישט נתחלל ווערען.

מיר דארפען בעדענקען די ווערטער פונ'ם נביא. נחמי' בן חכלי' און זיין ארבייט וואס ער האט אוועקגעלעגט פאר שמירת שבת.

מה הדבר הרע הזה אשר אתם עושים ומחללים את יום השבת? האט דער נביא געפרעגט. מיר קענען עס היינט אויך זאגען צו אונזערע יודען. א יוד געהט אין שוהל, דאס יונגעל ברענגט איהם וויין אויף קידוש. דער וויין איז אבער טריפה ווי יין נסך, ווייל דער זוהן געהט אין גימנאזיע און איז א מחלל שבת בפרהסיא.

די אגודה דארף דעריבער אוועקלעגען אסך ארבייט אויף מזהיר צו זיין דעם עולם וועגען שמירת שבת, וואס דער חטא דאפון איז הארבער ווי פון אלע עבירות שבתורה.

מ'דארף כסדר מזהיר זיין דעם עולם, יעדען פרייטאג, וועט איינער נישט פאלגען ביים ערשטען מאל, וועט ער שפעטער פאלגען. ווער עס איז נאר א שטיקעל יוד, ביי יענעם וועלען די אמת'ע ווערטער בלייבען אין הארץ, און ער וועט זיך פריהער אדער שפעטער מיישב זיין. אלענפאלס דארף מען יענעם מזהיר זיין, וועט ער זוכען עצות ווי אזוי מבטל צו זיין דעם חילול שבת.

פארהאן נאך א ענין מיט וועלכען די אגודה מוז זיך פעראינטערעסיר'ען: זי מוז גרינדען שעורי ערב פאר בעלי מלאכות און געשעפטס-מענשען וועלכע ארבייטען שוין היינט נישט ביז שפעט אין אוונט. יעדער האט ביינאכט צייט. קומט דער בעל דבר און פערפיהרט די מענשען אויף פערשידענע אוועגען, דורך וועלכע זיי ווערען אוועקגעריסען פון יהדות. דארף דעריבער די אגודה שאפען אזעלכע שעורי ערב וואו מ'זאל דורך דברי תורה איינפלאנצען דאס יהדות ביי די יודען וואס זענען א גאנצען טאג פערהארעוועט און האבען נישט קיין צייט נאר ביינאכט.

„אם תחפשנה ככסף, כמטמונים תבקשנה" — זאגט ווייטער דער חפץ חיים: די תורה איז פונקט ווי א שותפות געשעפט.

דאס איז א ענין פונ'ם גאנצען כלל. און פונקט ווי אין יעדען געשעפט, ווען עס געהט נישט אזוי גוט, פערזאמלען זיך די שותפים און זוכען עצות, ווי צו פערבעסערן דעם מצב, אזוי אויך מוז די אגודה אלע מאל פערזאמלען איהרע חברים, וועלכע האבען איין און די זעלבע אויפגאבען: צו זוכען עצות ווי אזוי צו פערבעסערן דעם מצב היהדות וואס געפינט זיך לעצטענס אין א שלעכטען מצב.

מ'רעדט אלץ וועגען דעם, אז די אגודה האט שונאים, אז זי האט מתנגדים, פארוואס פערשטעהט איהר נישט: דער בעל דבר דערלאזט נישט, אז די אגודה זאל זיך ענטוויקלען ווי געהעריג. די אגודה איז זיינס א קאנקורענט?

דער בעל דבר ארבייט און וויל ערנידריגען דעם מצב היהדות און דא קומט די אגודה און געהט ארבייטען פערקעהרט, אויפהויבען דעם מצב היהדות וכבוד שמים.

הרה"ג ר' ישראל סאלאנטער זצ"ל פלעגט שטענדיג דערמאנען וועגען א סאלדאט וועלכער האט בעקומען א קויל און איז געווארען פערוואונדעט אין האנד, האט ער געפרובט אוועקווארפען די ביקס, טראכטענדיג זיך, אז זיין גאנצע ארבייט איז שוין פערפאלען, נאכדעם ווי ער איז פערוואונדעט.

האט איהם אבער א צווייטער חבר אויפגעקלערט: אויב דו וועסט בלייבען אהן כלי זיין וועט דיך יעצט דער שונא אינגאנצען אוועקלעגען. נעהם בעסער די ביקס אין דער צווייטער האנד און פערטיידיג זיך פונ'ם שונא.

די גאנצע ארבייט פונ'ם בעל דבר, איז אויך דאס זעלבע, מכשיל זיין א יוד אין א עבירה, בכדי איהם אזוי ארום מיעד צו מאכען, אז יענער זאל זיך אינגאנצען פערלירען. א מענש א בר דעת דארף זיך אבער אלע מאל ארומזעהען, אז אפילו נאכדעם ווי ער ווערט חלילה נכשל אין א עבירה, מוז ער זיך ווייטער מתגבר זיין, און היטען די תורה, בכדי דער בעל דבר זאל איהם נישט אינגאנצען אוועקרייסען פון יהדות.

די אגודה בכלל טאר אודאי קיינמאל נישט מיעד ווערען, סיי ווען זי איז מצליח, סיי ווען אפילו זי איז אין א פרט נישט מצליח, דארף זי נישט מיעד ווערען און ווייטער ארבייטען, בכדי צו פערהיטען דאס יהדות פון די שונאים, מ'דארף כסדר ארבייטען, איז דא ריוח איז אודאי גוט, איז דא היזק — דארף מען דאך נאכמעהר ארבייטען.

דאס אליין, וואס יעדער יחיד קען זיך משתתף זיין מיט'ן רבים, דורך דער אגודה, דאס איז שוין ריוח. דער יחיד קען גאנץ ווייניג אויפטהון, בפרט היינטיגע צייטען, ווען מ'דארף האבען שטארקע און גרויסע מעשים אויף צו פערהיטען דאס יהדות. דאס קאן נאר א רבים. און וואס גרעסער דער רבים, גרעסער זענען די מיטלען. און דאס איז טאקי דער חוב פון יעדען יחיד, זיך משתתף זיין מיט'ן רבים, מיטהעלפען דער אגודה ביי איהר הייליגער ארבייט.

יא, דאס איז א ענין קדוש ונורא.

דער רבים נעהמט זיך פערהיטען דאס יהדות — דא וועט דער אויבערשטער געוויס מיטהעלפען. בלויז דאס צונויפזאמלען זיך פון רבים, צו אט דער הייליגער און וויכטיגער אויפגאבע, דאס אליין איז שוין א ענין גדול ונכבד.

ביי שבת זעהען מיר אז שנים שעשו פטורים, ווען צוויי מענשען טהון א מלאכה וואס איינער אליין האט עס געקענט טהון, הייסט עס אז יעדער בעזונדער האט נישט געטהון די מלאכה. קוים אבער מוז די מלאכה געטהון ווערען דורך ביידען, ווייל איינער וואלט איהר נישט געקאנט פערענדיגען, איז עס טאקי פונקט ווי יעדער וואלט געטהון די גאנצע מלאכה.

די אגודה האט גענוג ענינים, וואס קאנען נאר אויסגעפיהרט ווערען דורכ'ן רבים, און מיט דעם וואס יעדער יחיד קומט אין דער אגודה, העלפט צו איהר ענטוויקלונג און צו איהרע מעשים, קען זיך דער יחיד רעכענען מיט אלעם וואס די אגודה טהוט, פונקט ווי ער וואלט דאס געטהון.

היום לעשותם ומחר לקבל שכרם — די ארבייט פון דער אגודה, מוז געפיהרט ווערען סיי ווען מ'זעהט שוין דעם ערפאלג, און סיי נישט, ווייל סוף כל סוף וועט דער ערפאלג קומען. ווען דער רבים איז עוסק אין א ענין, וועט ער געוויס מצליח זיין.

יחזקאל בן בוזי — איהם האבען די חכמים אזוי גערופען: שבזה עצמו לדבר תורה. מיינט איהר אז ער האט זיך מבזה געווען? חלילה! ווען מ'ארבייט פאר דברי תורה איז מען נישט קיין בזוי. וואס דען? ער האט געארבייט אפילו דאן, ווען אנדערע האבען דאס געהאלטען נישט לפי כבודם. ביי דער אגודה, איז אויך דאס זעלבע. פאר'ן רבים מוז מען ארבייטען שטענדיג, סיי ווען מ'האט דערפון כבוד, סיי ווען אנדערע האלטען עס פאר א בזיון, און נאכמעהר, ווען די שונאים ווילען ספעציעל מבזה זיין די עסקנים בכדי זיי צו באטיאוואכען פון דער ארבייט.

עס מוזען העלפען אין דער אגודה, סיי יונגעלייט, סיי אנגעזעהענע בעלי בתים, ווייל פאר דברי תורה ווערט מען נישט קיין בזוי, כאטש אפילו יענער וויל מיך מבזה זיין.

כי מכבדי אכבד ובוזי יקלו

---

*) אויסצוגליכע רעדע פון בעל חפץ חיים שליט"א אויף דער אסיפה אין לאקאל פון דער אגודה-צענטראלע אין ווארשא, זונטאג, פ' תולדות תרפ"ב.

---

# זייער עטיק.

זיי... די וואס האבען זיך דערווייטערט פונ'ם שורש פונ'ם אמת'ן יודישען מקור; די, וואס האבען ארימע קליינע נשמה'לעך, און פיהלען נישט די הייליגע פונקען פון ליכטיגען, אייביגען יודישען פייער; זיי, די פארשטעהער פון ציוויליזאציע און כלומר'שטיגען פראגרעס צווישען יודען; זיי, די פיהרערס און פערפיהרערס פון דער יודישער יוגענד; זיי, די וואס צערייסען דאס יודענטום אויף נייע און אלטע; זיי, די וואס [illegible] אונזער געשיכטע אויף צוויי העלפטען, אבלייקענדיג דערביי אונזער גאנצען עבר; זיי, וועלכע ווילען שאפען א יודענטום, וועלכעס זאל זיך אנהויבען מיט דער השכלה-צייט, — זיי פראפאגאנדירען מאראל אלס דעם איינציגען יסוד און תכלית פון דער מענשהייט און איבערהויפט פון יודענטום; אלץ וואס שטימט נישט מיט דעם בעגרענעצטען שכל זייערן, האלטען זיי פאר אבגעלעבטע פארמען, ווייל מאראל און מדות טובות דאס איז דער צוועק פון יודענטום.

מיר האבען שוין פיעל מאל אין אונזערע ארטיקלען אנגעוויזען אויף דעם טעות, אז אויב אין יודענטום איז דער יודישער דת, דער מקור פון מאראל, איז מאראל אבער נישט דער יודישער דת. אין דער אייביגקייט לייגען אויך די פארמען פון אלעם וואס ענדערט זיך, אבער די פאראיבערגייהענדע פארמען זענען נישט קיין אייביגקייט.

זיי אבער, די וואס אנערקענען נישט קיין אנדערע זאך נאר מאראל, פון זיי האט מען דאך לפחות געקאנט פערלאנגען, זיי זאלען די מאראלישע געזעצען היטען און שטעהן אויף דער וואך - אויב מ'וויל זיי פערלעצען.

איינס פון די עלעמענטארע יסודות פון מענשליכקייט און עטיק איז — אויף נפטרים נישט צו רעדען קיין להי"ר, נישט מזלזל צו זיין אין כבוד הנפטר. נאך די אלטע לאטיינער האבען געזאגט. de moritus aut bene aut nihil, ד. ה. „פון נפטרים קאן מען רעדען אדער שבחים אדער גאר נישט", כל זמן דער מענש לעבט, קאן איך אלס געגנער איהם בעקעמפען; איך קאן מיט איהם פאלעמיזירען. אין מיטען קאמף קאן אויך די פאלעמיק אנגעהמען נישט קיין [illegible] פארם.

ווען דער געגנער אבער איז שוין נישט דא, דאמאלס מוז די פאלעמיק אויפהערען.

צוויי העפראעישע שריפטשטעלער זענען לעצטענס געשטארבען, מענשען וואס האבען זייער גאנץ לעבען געקעמפט געגען דעם, וואס דאס יודענטום רופט אן ליכטיגקייט; איינער האט אין זיינע שריפטען מתיר געווען דעם שמד, דער אנדערער איז גלאט געווען א צעריסענע נשמה. ער האט בעקעמפט זיך און זיין נשמה. די ריין נאציאנאליסטישע פרעסע האט זיי מספיד געווען בקולי קולות, אויף די ארטאדאקסישע פרעסע האט געקענט מאכען א בילאנס פון זייער טעטיגקייט און פון זייער שעדליכער שריפטשטעלעריי פאר'ן אמת רעליגיעזען יודענטום, וואס עס וואלט געווען געוויס גענוג טרויעריג פאר די נפטרים. צוליעב דעם כבוד פון נפטרים האט די ארטאדאקסישע פרעסע זייער טויט איגנארירט.

פלוצלונג איז אויך איינער פון אונזערע רייהען נפטר געווארען, א מענש וואס האט זיין גאנץ לעבען פערטיידיגט איין אידעע, שטענדיג קאנסעקווענט און אויסגעהאלטען פון זיין קינדהייט אן טריי געווען דעם אידעאל, וועלכען ער האט פערטיידיגט ביז זיין לעצטער רגע. דאס ארטאדאקסישע יודענטום בעוויינט די אבדה פון ר' יעקב ליפשיץ ז"ל; זי בעדויערט וואס גראד אין אזא צייט ווען עס וואכט אויף דאס פערפאלגטע ארטאדאקסישע יודענטום צו א ניי לעבען, פעהלט איינער פון איהרע טרייעסטע קעמפפער דער אלטער און דאך פול מיט ענערגיע און לעבענסלוסט, ר' יעקב ליפשיץ ז"ל. דער ה' ש. ראזענפעלד אבער אין „הינט", און דער „מאדערנער ציוויליזירטער אייראפעאישער משכיל", האט אנגעגארט זיינע לענדען און אנגעשמירט א מאמר פול מיט זלזולים, בלבולים און רכילות, וואו ער שטעלט פאר דעם נפטר אלס א מענשען א קאריעריסט וכהנה.

מילא ר' שמאי'ס מאמרים זענען גענוג בעקאנט דעם יודיש ארטאדאקסישען לעזער פובליקום. דער פובליציסטישער ביבעל-קריטיקער וועט אויף קיינעם נישט מאכען קיין איינדרוק מיט זיינע „טרייבעכצען", דער כבוד הנפטר ווערט אויך נישט פערלעצט, דאס איז שוין א מחלה ביי שמאי'ן צו זידלען אלץ וואס איז ביי יודען הייליג און טייער; כאראקטעריסטיש איז עס נאר פאר די לייט, וואס רעדען שטענדיג, וועגען „מענשליכקייט", וועגען „עטיק", וועגען „מאראל", און פערלעצען די עלעמענטארסטע בעגריפען פון אט די איינציגע יסודות, וועלכע זיי פראפאגאנדירען.

**ל. כהן.**

◆

## אנ'עצה אנשטאט אנ'ענטפער דעם קראקויער „נאווי דזיעניק".

אנשטאט אריינצולאזען זיך אין א פאלעמיק מיט'ן קראקויער „נאווי דזיעניק" און איבערחזר'ן זיינע „חכמות" און זיינע „וויצען", וואלטען מיר איהם געגעבען אנ'עצה טובה: אנשטאט צו פאלעמיזירען מיט'ן „יוד", זאל ער זיך בעסער אויסלערנען לעזען און פערשטעהן א יודישע צייטונג. באמונות, ער פערשטעהט זעהר שוואך. וואס ער לייענט אויף יודיש!

◆

# הרה"ג פראפ. ד"ר דוד צבי האפמאן ז"ל

**אין עלטער פון אכט און זיעבעציג יאהר איז אין בערלין נפטר געווארען הרה"ג ר' דוד צבי האפמאן ז"ל.**

איך לייען די טרויעריגע ידיעה און עפעס גלויבט זיך עס נישט: עס גלויבט זיך נישט, אז ער איז שוין אלט געווען אכט און זיעבציג יאהר. עס גלויבט זיך נישט, אז ער איז שוין נישט דא צווישען אונז.

ער האט שטענדיג אויסגעזעהען, יונג און פריש, ווי א אכטצעהן-יעהריגער יונגער-מאן, פול מיט לעבענסלוסט און ענערגיע און געשאפען האט ער אויף אלע געביעטען. געשריבען איבער משנה, שלחן-ערוך, מדרש, מכילתא, און אויך פערפאסט פיעל ווערק אין וועלכע ער בעקעמפט די ביבעל-קריטיק, די געגנער פון די יודישע הייליגטימער. אלע זיינע חיבורים זענען דורכגעדרונגען מיט א גייסט פון יוגענדליכקייט און פון א אונערמיעדליכער קראפט, וועלכע האט בעלעבט און בעגייסטערט דעם גרויסען למדן, ירא שמים און געלעהרטען.

לעזענדיג זיינע לעצטע ווערק, ווילט זיך בשום אופן נישט גלויבען, אז ער איז אלט געווען אכט און זיבציג יאהר.

ווער עס האט איהם געזעהן, אפילו אין די לעצטע יאהרען, יעדען פארנאכט בין מנחה למעריב לויפען מיט דער גרויסער ווילנער גמרא אויף אראניענבורגער שטראסע, ער האט זיך געאיילט כדי נישט צו פערשפעטיגען דעם שיעור אין דער חברה-ש"ס — דער וועט זיך בשום אופן נישט לאזען איבערצייגען, אז דאס איז געווען א זקן פון אכט און זיבציג יאהר.

הרה"ג ר' ד"צ האפמאן איז נפטר געווארען — איך קאן מיר יעצט נישט פארשטעלען, ווי דער ראבינער סעמינאר וועט אויסזעהן. יעדעס ווינקעלע האט דארט געלעבט, אויף יעדער קלייניגקייט האט געשוועבט זיין גייסט, ער איז געווען דער רוח החי' פון דער דאזיגער בעריהמטער אינסטיטוציע. ווי וועט דער רעקטאר רעגירען אדער זיך בעציהען צו דער אדער יענער פראגע? ווי וועט דער רעקטאר בעטראכטען די שאלה? אט אזעלכע פראגעס האט יעדער תלמיד פון סעמינאר זיך שטענדיג געשטעלט.

דער רעקטאר איז געווען די העכסטע אויטאריטעט אין סעמינאר, אבער אויך דער פריינד פון יעדען תלמיד, דאס געשטאלט פון הרה"ג ר' ד"צ האפמאן האט בעלעבט און האט אויסגעגאסען א יודישען חן אויף דעם סעמינאר, איבערהויפט קאן מען זיך ניט פארשטעלען די חברה-ש"ס אויף אראניענבורגער שטר' אהן דעם רבי'ן הרה"ג ר' ד"צ ז"ל. די שוהל, די [illegible] מיט הרה"ג ר' ד"צ האפמאן האט געווען עפעס ווי צוזאמענגעבונדען, צוזאמענגעפלאכטען. זיינע דרייסיג יאהר זענען זיי שטענדיג געווען צוזאמענגעגאסען און עס לאזט זיך נישט גלויבען, אז עס פעהלט דאס וויכטיגסטע, וואס האט אלעמען פעראייניגט אין א לעבעדיג בילד.

דאך מוזען מיר מיט גרויס בעדויערן קאנסטאטירען, אז די טרויעריגע ידיעה, איז לײדער אמת. דער רעקטאר פון ראבינער סעמינאר, דער רבי פון חברה ש"ס, דער גרויסער למדן, דער גרויסער יר"ש, דער הייסער יוד און דער גרויסער געלעהרטער איז נפטר געווארען.

אין די דייטש ארטאדאקסישע קרייזען וועט געוויס דער רושם פון דער אבידה זיין אונגעהויער גרויס, און וועט מאכען א ערשיטערענדען איינדרוק. ער פעהלט אבער אויך דער גאנצער אלוועלטליכער ארטאדאקסיע. און פאר יעדען יוד, וואס האט דעם נפטר געקענט איז דער פערלוסט א אבידה שאינה חוזרת.

די ארטאדאקסיע האט איבערהויפט פערלוירען א געוואלדיגע פערזענליכקייט, וועלכע זענען אין דער יעצטיגער צייט געצעהלטע.

די כאראקטעריסטישע שטריכען, וועלכע האבען אויסגעצייכענט דעם נפטר, זענען געווען: זיין געוואלדיגער ווילען און ענערגיע, אבער דאבי זיין מילדקייט, ליעבליכקייט און זיין גוטסקייט, איהר האט זיך ביי איהם אין שטוב שטענדיג געפיהלט היימיש. רעדענדיג מיט הרה"ג ר' ד"צ ז"ל, וועגען א שטיקעל גמרא, האט איהר פערגעסען, אז איהר האט פאר זיך א גרויסען געלעהרטען. דעם כתב-סופר'ס גייסט און די פרעשבורגער ישיבה האבען זיך אבגעשפיגעלט אויף זיין גאנץ לעבען: אויף זיין רעדען, אויף זיין אויסערליך און אינערליך לעבען.

איבערהויפט האט זיך דאס געלאזט מערקען בעת זיין שיעור אין דער חברה ש"ס. יודען, עלטערע זקנים מיט גרויע בערד, ווי אויך יונגע לייט, דער גרעסטער טייל פון זיי, געוועזענע, פון אונזערע, ד. ה. פון רוסיש פוילישע יודען בני תורה, — האבען זיך בין מנחה למעריב פערזאמעלט אין דער חברה ש"ס-שוהל צום שיעור. דארט האבען זיי געהאט די מעגליכקייט צו הערען א שטיקעל גמרא ווי מ'לערנט אין אונזערע חברות. אהן מאדערנע הערי-פטוס — א גמרא, א תוספות מיט א שטיקעל מהרש"א גרינדליך מיט גרויס התעמקות. די סביבה איז אויך געווען א היימישע, יעדער האט געפרעגט, און דער רבי האט אויסגעהערט אויסמערקזאם און געענטפערט. דער שיעור איז שטענדיג פערוואנדעלט געווארען אין א צוזאמענלערנען, דאס וואס אין גאנץ דייטשלאנד איז ביז היינט לײדער נישט איינגעפיהרט.

דער נפטר האט געלערנט מיט דעם כתב סופר'ס שיטה, טיעף און לעבעדיג, און איך האב שטענדיג געהאט די איבערצייגונג, אז דוקא אין דער חברה ש"ס פיהלט זיך דער רבי גוט און היימיש, דער סעמינאר, די קאטעדרע איז געווען פאר איהם עפעס צו פיעל מאדערן.

איך פלעג אין חברה ש"ס זעהן א אונגארישען גאון, וואס לעבט אין די ד' אמות של הלכה, און בעת מעשה פערגעסען, אז דער רבי איז אויך א פראפעסאר, א ד"ר, א רעקטאר, און א גרויסער געלעהרטער. און מיר, דוכט זיך, אז אויך דער רבי האט אין דער חברה ש"ס שוהל דאס אלץ פערגעסען און זיך דאדורך דארט אזוי גוט געפיהלט.

די ניעדריגע געשטאלט פון אונזער רבי'ן איז דארט אויסגעוואקסען ביז'ן העכער און העכער... די אויגען האבען געפינקעלט פון שמחה און התפעלות, ווען ער האט עפעס געפונען א גוטען תירוץ אויף א תוספות אדער אויף א שטיקעל מהרש"א.

הרה"ג ר' ד"צ האפמאן האט געהאט די איינציגשאפט צו פערגעסען ביי דער גמרא די גאנצע אייראפעאישע בילדונג, די גאנצע דייטשע סביבה: ביי דער גמרא האט אין איהם אויפגעלעבט דער געוועזענער ישיבה תלמיד אדער דער פשוטער טיפ פון א גאון וואס פערהערליכט און פערשענערט דאס גאנצע וועזען פון דער גרויסער שטארקער פערזענליכקייט. און דאן ווער עס האט איהם געקענט האט אויך געמוזט בעוואונדערען זיין גרויסע ענוות. ער האט יעדען רוסישען בחור, אויב יענער איז געווען א בר אוריין, מחבב געווען ווי א אייגען קינד.

פון די רוסישע גדולים האט ער גערעדט מיט א געוואלדיגען הדרת הכבוד. איך האב אמאל מיט איהם גערעדט וועגען הגאון ר' חיים סאלאווייטשיק זצ"ל, און איך האב בעוואונדערט ווי ער האט זיך מבטל געווען פאר איהם.

אין דער פערזאן פון דעם נפטר האט אויך די ארטאדאקסיע פערלוירען א ענערגישען עסקן. ער האט זיך בעטייליגט אין אלע חברות און ארגאניזאציעס, וואס זענען געשאפען געווארען מיט'ן צוועק צו שטארקען און בעפעסטיגען די יסודי היהדות און אויך אויף דעם געביעט האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין ענערגיע, מיט זיין מסירות-נפש, פאר אלץ וואס האט א שייכות צום חיזוק התורה והיהדות.

ער איז מעהר נישט דא צווישען אונז, דער גרויסער למדן און געלעהרטער, אבער דער גייסט זיינער, זיין לעבען, זיין ווירקען, זיין טעטיגקייט, זיין ענערגיע, זיינע ספרים וועלען אונז שטעהן שטענדיג, אלס א גרויס העל-ליכט וואס וועט בעלייכטען אונזערע וועגען, און שטארקען אונזערע האפנונגען.

**ד"ר ל. ניעמצעוויטש.**

אבאנירט,
קויפט
און פערשפרייט
די טעגליכע צייטונג
„דער יוד".

הודפס מתוך הארכיון היהודי